גוט שבת אלע אידן. בשעת דער עראפלאן האט זיך אויפגעהויבן פון דזש. עפ. קעי. עירפארט קיין ארץ ישראל, האט שלום גאלדבערג געשפירט אז ער האט עפעס פארגעסן. באלד דערנאך האט ער זיך דערמאנט וואס ער האט פארגעסן. לײדער האט שלום פארגעסן זיין תפילין! ער האט צוגעמאכט זיין אויגן און ער האט געקענט זען ווי זיין תפילין בייטל ליגט אין דעם טראנק פון זיין קאר וואס איז געווען געפארקט ביי דעם עירפארט.

שלום איז געווארן מורא'דיג צובראכן אז ער וועט נישט קענען לייגן זיין אייגענע תפילין דורך די קומענדיגע נסיעה. פארשטייט זיך אז ער וועט קענען בארגן פון א צווייטן, אבער ער האט געוואלט האבן זיין אייגענע תפילין. ווייל יעדער איד שפירט א באזונדערן שייכות צו זיין אייגענע תפילין וואס ער לייגט יעדען טאג. יעצט איז עס געווען אבער צו שפעט.

ער האט גענומען טראכטן וועגן זיין תפילין. ער האט געדענקט ווי זיין טאטע האט אים געגעבן די תפילין פאר זיין בר מצוה עטליכע 14 יאר פריער. זיין טאטע איז געווען מורא'דיג מדקדק מיט דער מצוה פון תפילין און דערפאר האט ער געקויפט פאר זיין זון שלום די מהודרסטע פרשיות און בתים וואס איז געווען דעמאלט צו פארשאפן. שלומס באבע האט אפילו גענייט דעם טלית בייטל. "גם זו לטובה," האט ער געטראכט.

צען טעג שפעטער איז שלום צוריקגעקומען. ווען ער איז אנגעקומען צו זיין קאר האט ער באמערקט אז איינער האט איינגעבראכן אין זיין קאר! ער האט שנעל געקוקט אין דעם טראנק, וואו ער האט געזען אז זיינע תפילין זענען שוין נישט דארט געווען, זיי זענען באגנבעט געווארן! שלום איז געגאנגען צו דעם פאליציי וואו ער האט געמאכט א פוליס ראפורט, איבערגעבענדיק די פרטים וועגן די תפילין מיט זיין טעלעפאן נאמער.

זעקס יאר שפעטער איז שלום אהיימגעקומען צו טרעפן א מעסעדזש אויף זיין מאשין פון דעם ניו יארק סיטי פאליס דעפארטמענט. זיי האבן געלאזט א נאמער און געבעטן אז שלום זאל זיי אנרופן ווי שנעלער. שלום האט זיך נישט פארגעשטעלט וואס זיי האבן געוואלט פון אים. ער האט שוין לאנג מסיח דעת געווען פון זיין תפילין. ווען ער האט שפעטער גערופן דעם פאליציי, האבן זיי דערציילט פאר אים אז איינער האט אריינגעגעבן א חפץ מיט זיין נאמען אויף עס. און ער זאל אריינקומען ווי שנעלער צוריקצונעמען זיין באגנבעטע חפץ.

דעם נעקסטען טאג איז שלום געפארן צו דעם פאליציי. דער אפיסער וואס האט אים אויפגענומען האט געהייסן "האעווערד," און ער האט דערציילט דעם פאלגענדען מעשה וועגן די תפילין. "דריי טעג צוריק, איז אן עלטערער רוסישער מענטש אריינגעקומען. ער האט אראפגעלעגט דיין תפילין בייטל אויפן טיש און דאן האט ער אנגעהויבן צו דערציילן ווי אזוי די תפילין זענען געקומען צו אים. זיין ביזנעס איז צו בארגן געלט פאר מענטשן. מענטשן קומען אריין מיט פארשידענע חפצים און בארגן געלט איבערגעבן דעם חפץ אלס משכן.

דער רוסישער מענטש האט דערציילט ווייטער אז א האלבע שעה פריער איז אריינגעקומען צו אים א מענטש (א גוי) וואס האט געוואלט בארגן געלט אויף די תפילין. דער רוסישער האט דערציילט אז ער אליינס איז אידיש, און כאטש ער לייגט נישט תפילין, האט ער דערקענט וואס זיי זענען געווען. דער רוסישער איד האט גלייך געקויפט די תפילין פונעם גוי. דער רוסישער איד דערציילט אז זיין הענט האבן אנגעהויבן צו שאקלען ווען ער האט גענומען די תפילין פון דעם גוי אין זיין געשעפט. ער האט זיך פארגעשטעלט אז די תפילין זענען געווען באגנבעטע סחורה. צוליב דעם איז ער געגאנגען גלייך צו דעם פאליציי. ער האט געליינט פאר מיך די ווערטער אויפן תפילין "שלום דער זון פון יהודה גאלדבערג." און ער האט מיך געפרעגט אויב עס איז געווען אפשר א ראפורט וועגן די גניבה. דאן איז דער רוסישער איד צוריקגעגאנגען צו זיין געשעפט לאזנדיק די תפילין דא ביי מיר." האט דער פאליצאנט "האעווערד" געענדיגט דערציילן פאר שלום.

"איך האב אויפגעהויבן די תפילין," האט דער פאליצאנט דערציילט ווייטער, "צו זען וואס זיי זענען," (ווייל ער האט קיינמאל נישט געזען אזא זאך.) ווען איך האב געהאלטן די תפילין אין מיין האנד איז אן אינטערעסאנטע זאך געשען, איך האב געשפירט אז מיין פנים איז געווארן רויט און ווארעם און איך האב אנגעהויבן צו שוויצן שטארק. מיינע הענט האבן זיך געשאקעלט. פארוואס זאל א אידישע זאך גורם זיין אזא שטארקע געפילן אין מיך, איך בין דאך א גוי?! איך האב איינגעשפארט די תפילין אין מיין דעסק, און דאן בין איך אהיימגעגאנגען.

די נאכט האב איך איבערגעטראכט די געשעענישען פונעם טאג. איך האב נישט געקענט משיג זיין פארוואס א אידישע חפץ זאל האבן אזא אפעקט אויף מיך. עס האט מיך אזוי שטארק געשטערט, אז איך האב דערציילט דעם מעשה צו מיין מאמע. מיין מאמע איז נישט דערשראקן געווארן צו הערן דעם מעשה. נאר וואס? זי האט געזאגט פאר מיך אז זי איז אידיש! זי האט מיך קיינמאל נישט דערציילט אז זי איז אידיש. דורך דעם וואס זי איז אידיש, בין איך אויך א איד!" האט דער פאליצאנט געענדיגט זאגן. שלום איז געזיצן אויף דעם שפיץ פון זיין בענקל הערענדיג דעם אינטערעסאנטען מעשה.

"איך האב אסאך מאל געשפירט אז עפעס פעלט אין מיין לעבן," האט דער פאליצאנט געזאגט ווייטער. "לכאורה, האט מיין אידישע נשמה געהונגערט פאר רוחניות. איך הייב יעצט אן צו חוקר זיין אידישקייט. לאמיר בלייבן בקשר." האט ער געזאגט מיט גרויס הרגש. שלום האט גלייך מסכים געווען. און דורך דעם איז דער פאליצאנט מקורב געווארן צום אידישקייט!

עס שטייט אין די הייליגע תורה די וואך "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום" – אבער איר, וואס האט זיך באהעפט אין ג–ט, לעבט איר אלע היינט. (דברים ד,ד) פון דא זעט מען אז דער עיקר חיות איז דבקות צום אייבערשטען. דורך דעם וואס א איד באהעפט זיך צום באשעפער, שפירט ער א חיות אין לעבן, טאמער נישט ח"ו, איז ער נישט מער ווי א שטיקל פלייש. אזוי ווי מען האט געזען אין דעם מעשה, ווי דער פאליצאנט האט געזאגט אז עפעס פעלט אין זיין לעבן אן אידישקייט.

תפילין זענען דאך א סימן פון באהעפטן צום אייבערשטען. ווייל מיט תפילין באהעפט א איד ממש צום אייבערשטען. דורך דעם האבן תפילין א מורא'דיגע כח צו מעורר זיין דבקות אין ה'. אויב אזוי לאמיר אלע נתעורר ווערן דורך דעם אויבערדערמאנטען מעשה צו מקיים זיין די מצוה פון תפילין ווי עס דארף צו זיין. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו שפירן א חיות אין לעבן דורך זיין דבק צום אייבערשטען. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יושע בוקסבוים הי"ו לרגל שמחת נשואי בנו מיכל נ"י בשעטומ"צ

מזל טוב למוה"ר נתן נטע מייזנער הי"ו ולמוה"ר עקיבא דוב טויב הי"ו לרגל שמחת נשואי ילדיהם בשעטומ"צ

מזל טוב למוה"ר ישראל משה דירנפעלד הי"ו לרגל שמחת לידת נכדו מרדכי פינחס נ"י לחתנו מוה"ר יעקב יוסף הי"ו

נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר מתתי' וואלפבערג (845) 362-3234